Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 3/1603 | Łódź, Czwartek, 3 stycznia 1929 r. | זיבעטע יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג כא טבת תרפ"ט | Nr.3 /1603 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# ריזיגע פאבריקס=שרפה אין לאדז.

## אפגעברענט די פאבריק פון טוביה ביאלער, קילינסקי 102

(—) נעכטען ארום 2 אזייגער בייטאג האבען די פאבריקס־סירענעס געמאלדען וועגען אן אויסברוך פון א ריזיגער שרפה אין לאדז, וויעס האט זיך ארויסגעשטעלט איז געשטאנען אין פלאמען די פאבריק פון טוביה ביאלער אויף קילינסקי גאס 102.

אונזער מיטארבייטער מעלדעט פון ארט פון דער שרפה פאלגענדע פרטים: האלב 2 בייטאג האבען די פערשפעטיגטע דורכגעהער אויף קילינסקי גאס בעמערקט, ווי פון 3־טען שטאק פון ביאלער'ס פאב־ ; ועצען ארויס פייער־צונגען און א געשריי הויך, די דורכגעהער האבען גלייך אויסגעהעסט דעם פארטיער און די עטליכע אייזראוויער, וועלכע וואוינען אין דעם פראנטאווען פארטער־הייזעל, דער פארטיער האט וועגן דער שרפה גלייך מיטגעטיילט די צענטראלע פון די פייער־לעשער און דעם מיטאינהאבער און לייטער פון דער פאבריק ראטמ. י. מ. ביאלער.

דערווייל האט זיך די שרפה, וועלכע האט זיך ווארשיינליך אנגעהויבען אויפ'ן דריטען שטאק בליץ שנעל פערשפרייט איבערן גאנצען גרויסען פיר־שטאקיגען פאבריקס־בנין.

אין אפטיילונג נאך דער אנדערער זענען אנגעקומען די פייערלעשער און זיך גענומען ענערגיש צו דער ארבייט, אבער ביז ס'איז געקומען צו דער איינענטליכער רעטונגס־אקציע האט דערווייל דאס פייער געבושעוועט און דער שטארקער ווינד, וויזלכער איז געווען בייטאכם האט די פלאמען־פייער איבער־געווארפען פון ברענענדען דריטען שטאק אויפ'ן פיר־טען, דאן אויפ'ן צווייטען און ענדליך אויפ'ן ערש־טען שטאק. די פייערלעשער איז נאר געבליבען זיך צו בעמיהען אפצוראטעווען א טייל פון ערש־טען שטאק און דעם פארטער, וואס ס'איז אויך געלונגען.

אויפ'ן ארט פון דער שרפה זענען אנגעקומען דער 1, 2, 3, 4, 5, 6 און 8 פייערלעשער־אפ־טיילונגען מיט אלע מכשירים. שפעטער איז אויך ארויסגערופען געווארען די באלוטער פייערלעשער־אפטיילונגען, די העלדישע פייערלעשער האבען זיך פערטיילט אויף דעם א'פן, אז דעם הויף פון דער ברענענדער פאבריק האבען פערנומען דער 1, 2 און 4 אפטיילונגען, פון הויז אויף קילינסקי 104 האבען געפיהרט די אקציע די 3 און 8 אפטיילונגען און פון נאווראט־גאס די 5־טע אפטיילונג. וועגען אפראטעווען דעם ברענענדען בנין איז שוין נישט געווען קיין רייד; ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען לאקאליזירען דאס פייער און נישט דערלאזען איר צו פערשפרייטען.

די גאנצע רעטונגס־אקציע איז אנגעפיהרט געווארען דורך קאמענדאנט פון די פייערלעשער שייבלער.

ס'איז איינגאנצען אפגעברענט געווארען דער 4־טער שטאק, וואו ס'האט זיך געפונען א גרויסער לאגער פון נארן און עטליכע שפיצען מאשינען, דאן דער גאנצער דריטער שטאק, וואו ס'האבען זיך געפונען א נאוויר־מאשין צו נאווירען נארן, (וועלכע ווערט בעטריבען דורך עלעקטרישע קראפט) און אויך עטליכע שפיצען־מאשינען, דאן דעה צוויי

ווייטער זעה 5. זייט.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז דינסטאג, דעם 1־טען יאנואר ד. י. געשטארבען מיין טייערע פרוי, אונזער הייסגעליבטע מוטער, גרויסמוטער, שוויגערמוטער און שוועסטער

נ. ע. רבקה לאנדאו (געב. גאלאמב)

(בירגערין פון דער שטאט לענטשיץ)

אין עלטער פון 60 יאהר.

די לויה וועט פארקומען היינט, דאנערשטאג, דעם 3־טען יאנואר 1929, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה־הויז אויפ'ן יודישען בית־עולם. וועגען וואס עס טיילען מיט אין טיפען צער

די פאמיליע.

Panu JÓZEFOWI MARKOWICZOWI z powodu zgonu

OJCA JEGO

wyrazy szczerego współczucia składa

S. FUCHS, Akwizycja Ogłoszeń.

3498

הנהלות הגמנסיות

של החברה ליסוד בתי ספר תיכונים עברים בלודז

מודיעים, כי בקשות הכניסה מתקבלות כדלקמן:

בלשכת הגמנסיה הראשונה לנערים, מגיסטרצקה 21

בלשכת הגמנסיה השניה לנערים, מגיסטרצקה 22

בלשכת הגמנסיה לנערות, פירמוביץ 7

בשעות העבודה.

בחינות הכניסה תחלנה ביום כ"ב טבת ש. ז. (4/1 1929).

מזל־טוב! צו דער חתונה פון מיין קוזין

ה' שלום מענדיל שרייבהאנד

מיט פרל. בילה קליינמאן

ווינש איך א הערצליכען מזל־טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען. שלום שרייבהאנד (ווארשא)

גדא טבא

לידידי מר

מרדכי גרינבערג

לאירושיו את העלמה מרת

חיה צוקערמאן

יחזקאל הורוביץ.

דאנקזאגונג.

אונזער געעהרטען חבר

משה פאזנאנסקי

דאנקען מיר פאר זיין בעמיהונג ביים אויס־מאכען אונזערע בעקרייען.

פראנציז, קאטש און ניימאן.

קאליש.

3600

מיר אונטערגעשריבענע וועבער־ארבייטער

בעטען

ענטשולדיגונג

ביי די לוין־וועבער: משה מאשקאוויטש, נחום זלאטניצקי און יעקב דוד קשעפיצקי פאר דעם שלאגען אויף מלינארסקא גאס און מיר פערזי־כערן, אז אזעלכעס וועט מעהר נישט פאסירען.

לייביש ראפעפארט,

ישראל פעלטאן.

3606

אונזער חשוב'ען פעראוואלטונגס מיטגליד ה' ברוך שלאדקאווסקי צוליב'ן טויט פון זיין געליבטער מוטער

קיילע נ. ע.

דריקט אויס דעם טיפסטען ביילייד די פערוואלטונג

פון קליינהענדלער־פעראיין, אגראדאווא 10

